בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שופטים תשע"ז | פרק א' | גליון 423 [שנה ט']

**וואס איז די שייכות פון לֹא תכיר און שוחד**

לֹא תַכִּיר פָּנִים וְלֹא־תִקַּח שֹׁחַד: (טז יט) צו פארשטיין די שייכות פון לֹא תַכִּיר פָּנִים און וְלֹא־תִקַּח שֹׁחַד, עס וואלט געווען גענוג צו זאגן וְלֹא־תִקַּח שֹׁחַד? נאר באמת איז מען נישט חושד אז איינער וועט געבן שוחד פאר א דיין אבער אויב ער וועט זען אז דער דיין איז מקרב דעם אנדערן בעל דין, דעמאלטס וועט ער וועלן געבן שוחד אז דער דיין זאל אויך האלטן מיט אים, דעריבער זאגט די תורה לֹא תַכִּיר פָּנִים, דער דיין זאל נישט ווייזן א פנים צו איין בעל דין, ממילא וְלֹא־תִקַּח שֹׁחַד, וועט מען נישט גורם זיין אז מען זאל קומען צו די עבירה פון שוחד. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**התקשרות צו א צדיק**

עַל־פִּי הַתּוֹרָה אֲשֶׁר יוֹרוּךָ וְעַל־הַמִּשְׁפָּט אֲשֶׁר־יֹאמְרוּ לְךָ תַּעֲשֶׂה לֹא תָסוּר מִן־הַדָּבָר אֲשֶׁר־יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל: (יז יא) שטייט עֲשֵׂה לְךָ רַב, וְהִסְתַּלֵּק מִן הַסָּפֵק, (אבות א טז) צו פארשטיין וואס איז די שייכות פון האבן א רב צו אוועקנעמען די ספיקות? נאר אויב א מענטש ווייסט אז א גרויסער צדיק, וואס איז מפורסם צו זיין א פועל ישועות, וועט אים זאגן עפעס צו טאן, אפילו עס זעט אויס אז דאס איז קרום, פונדעסטוועגן וועט מען פאלגן, אבער אויב דיין חבר וועט דיר געבן א עצה וועט מען האבן ספיקות אין זיינע עצות און נאר פאלגן ווען עס זעט אויס א ריכטיגע תשובה, דאס מיינט עֲשֵׂה לְךָ רַב, זאלסט זוכן און נעמען א רבי און קונה זיין אמונת חכמים אין אים, ממילא וְהִסְתַּלֵּק מִן הַסָּפֵק, זיינע תשובות וועסטו פאלגן און נישט האבן א ספק אפילו ווען עס זעט דיר נישט אויס אזוי, [ווייל דער צדיק זעט א סאך ווייטער און טיפער פון דער מענטשליכן שכל. תפוחי חיים] דאס שטייט דא אֲשֶׁר־יֹאמְרוּ לְךָ תַּעֲשֶׂה, וואס דער צדיק זאגט זאלסטו פאלגן, לֹא תָסוּר מִן־הַדָּבָר אֲשֶׁר־יַגִּידוּ לְךָ, אלעס וואס דער צדיק זאגט דיר, יָמִין וּשְׂמֹאל, צו דו פארשטייסט דאס צו נישט. (תפארת בנים הרה"ק ר' צבי הירש שפירא ממונקאטש)

## דרוש אויב ממנה זיין א מלך איז א מצוה אדער א רשות

כִּי־תָבֹא אֶל־הָאָרֶץ.. וְאָמַרְתָּ אָשִׂימָה עָלַי מֶלֶךְ כְּכָל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר סְבִיבֹתָי. שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ: (יז יד–טו) עס איז דא א מחלוקת צו עס איז א מצוה צו מאכן א מלך ווען מען גייט אריין אין א"י: רבי יהודה ברענגט א ראיה פון דעם פסוק שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ, אז עס איז א מצוה, און רבי נְהוֹרָאִי לערנט אז עס איז נאר א רשות, ווייל דער פסוק רעדט זיך נאר אויב די אידן וועלן האבן א טענה, וְאָמַרְתָּ אָשִׂימָה עָלַי מֶלֶךְ כְּכָל־הַגּוֹיִם, זיי ווילן א מלך, זאגט דער אויבערשטער שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ, קענסט מאכן א מלך. (ספרי דברים פיסקא קנ"ו סנהדרין דף כ ע"ב) קען מען מסביר זיין די סברא פון רבי נְהוֹרָאִי, ווייל ווען די אידן גייען אריין אין א"י וועלן זיי האבן די סנהדרין און כהנים וואס וועלן פירן די אלע הלכות און דינים, ממילא דארף מען נישט קיין מלך, און דאס האט שמואל געמיינט אז דער אויבערשטער האט געזאגט: כִּי לֹא אֹתְךָ מָאָסוּ כִּי־אֹתִי מָאֲסוּ מִמְּלֹךְ עֲלֵיהֶם: (שמואל א ח ז) ווייל די סנהדרין און כהנים זענען מיינע שלוחים, איז פארוואס דארפן זיי א קעניג. (ספר אהבת ציון) דער הייליגער ר' יהונתן אייבישיץ (ספר תפארת יהונתן) זאגט נאך א טעם, ווייל די גויים פלעגן אויסקלייבן א קעניג לויט זיין מזל, און ווען די אידן זאגן דעם אויבערשטן, אָשִׂימָה עָלַי מֶלֶךְ כְּכָל־הַגּוֹיִם, מיינט דאס לויט זיין מזל, אבער א"י איז דאך העכער פון די מזל און באמת שטייט: דעריבער האט דער אויבערשטער אויס געקליבן שָׁאוּל צו זיין מלך, ווייל ער פון שבט בנימין וואס איז דער איינציגסטער שבט וואס איז געבוירן אין א"י, און א"י פירט זיך נישט מיט א מזל, נאר דער אויבערשטער איז דער שר, און מיט דעם איז פארשטענדיג וואס די טענה פון די קעגענער'ס, ווייל שאול האט נישט קיין מזל וועט ער זיי נישט קענען העלפן, אבער א"י דארף נישט קיין מזל! דעריבער האלט רבי נְהוֹרָאִי אז וְאָמַרְתָּ אָשִׂימָה עָלַי מֶלֶךְ איז א רשות, לייגט צו דער נצי"ב (העמק דבר) אז מען טרעפט נאך א פסוק כִּי־יַרְחִיב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת־גְּבֻלְךָ „ "וְאָמַרְתָּ" אֹכְלָה בָשָׂר (דברים יב כ), וואס וְאָמַרְתָּ מיינט אויך רשות, אויב אזוי ווי קען מען לערנען פשט אז עס א מצוה און מען פסקענט אין רמב"ם (ספר מצוות מ"ע קע"ג) "היא שצונו למנות עלינו מלך מישראל" און אזוי שטייט אין (הלכות מלכים פ"א ה"א), איז מחדש דער נצי"ב אז באמת זענען סנהדרין נישט מחוייב צו ממנה זיין א מלך, אבער אויב כלל ישראל פאדערט דאס, דארף מען ממנה זיין א מלך און דאס מיינט: וְאָמַרְתָּ, אז די אידן וועלן זאגן זיי ווילן א קעניג, דארף מען זיי געבן. (שמח זבולון תשע"ז)

## דרוש וואס איז אין דער ענין פון עגלה ערופה

כִּי־יִמָּצֵא חָלָל בָּאֲדָמָה.. וְיָצְאוּ זְקֵנֶיךָ וְשֹׁפְטֶיךָ וּמָדְדוּ אֶל־הֶעָרִים... וְלָקְחוּ זִקְנֵי הָעִיר הַהִוא עֶגְלַת בָּקָר ... וְהוֹרִדוּ זִקְנֵי הָעִיר הַהִוא אֶת־הָעֶגְלָה...וְנִגְּשׁוּ הַכֹּהֲנִים בְּנֵי לֵוִי... וְכֹל זִקְנֵי הָעִיר הַהִוא... וְעָנוּ וְאָמְרוּ יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת־הַדָּם הַזֶּה: כַּפֵּר לְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־פָּדִיתָ .. וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ כִּי־תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה': (כא א–ט) עס איז דא אסאך דיוקים אין די פרשה: א] פארוואס הויבט מען אן מיט זְקֵנֶיךָ וְשֹׁפְטֶיךָ, און פירט אויס וְהוֹרִדוּ "זִקְנֵי הָעִיר" און וְנִגְּשׁוּ "הַכֹּהֲנִים" אָן שופטים? ב] פארוואס דארפן די זְקֵנֶיךָ וְשֹׁפְטֶיךָ מעסטן און ברענגען די עגל? ג] פארוואס דארפן זיי זאגן וְעָנוּ וְאָמְרוּ "יָדֵינוּ" לֹא שָׁפְכוּ אֶת־הַדָּם הַזֶּה, וואס מיינט "יָדֵינוּ" האט מען זיי דען חושד געווען? ד] וואס מיינט כַּפֵּר לְעַמְּךָ .. "פָּדִיתָ", וואס איך שייך דא כפרה און אויסגעלייזן? ה] וואס מיינט וְאַתָּה תְּבַעֵר "הַדָּם הַנָּקִי", וואס מיינט ריינע בלוט? ו] כִּי־תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה', וואס מיינט יָשָׁר דא? דאס אלעס צו פארשטיין: מען רעדט צו די דיינים: עס שטייט אין אבות (פ"ה מ"ט) חֶרֶב בָּאָה לָעוֹלָם עַל עִנּוּי הַדִּין, וְעַל עִוּוּת הַדִּין, וְעַל הַמּוֹרִים בַּתּוֹרָה שֶׁלֹּא כַהֲלָכָה. וועגן דריי זאכן ווערט א מיתת חרב, דעריבער כִּי־יִמָּצֵא חָלָל בָּאֲדָמָה, דער מכת חרב וואלט געדארפט קומען אויף די דיינים, אבער דער אויבערשטער האט אויסגעטוישט א איד זאל זיין א קרבן אנשטאט זיי, און האט דאס געטאן כדי כלל ישראל זאלן תשובה טאן, דעריבער שטייט פריערט זְקֵנֶיךָ וְשֹׁפְטֶיךָ וואס האבן גורם געווען דעם מיתה, און וועגן דעם וּמָדְדוּ, דארפן זיי מעסטן כדי זיי זאלן ווערן פארשעמט און האבן א כפרה, און וְלָקְחוּ זִקְנֵי הָעִיר הַהִוא עֶגְלַת בָּקָר, זיי דארפן ברענגען די עגלה ערופה, אבער נאכדעם דארפן די "כֹּהֲנִים" און זִקְנֵי הָעִיר מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל זיי מוחל זיין, און אויף דעם קענען נישט די שופטים בעטן, און דער עגל איז כדי צו מכפר זיין אויפן חטא העגל, און דאס מיינט יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת־הַדָּם הַזֶּה, ווייל דאס זאגט די זקני העיר, און דעריבער כַּפֵּר לְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר "פָּדִיתָ", מיינט מען דער איד וואס האט אויסגעלייזט די דיינים, וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ, דער אומשולדיגער איד, כִּי־תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה', דער זאך האט דער אויבערשטער געטאן כדי די דיינים און דער פאלק זאלן תשובה טאן. (מרגניתא טבא ר' דוד ב"ר אריה ליב אב"ד אמשטרדאם תק"ד הוצאת תשנ"ו באבוב)

מדור העובדות

# א איד איז אריין אין גן עדן בזכות א מצוה

אין א שטעטל נאנט צו בארדיטשוב האט געוואוינט ר' משה וואס איז געווען א גרויסער עושר און בעל צדקה און א נאנטער חסיד צום הייליגן צדיק ר' לוי יצחק זצוק"ל, ווען עס האט זיך געמאכט א געלעגנהייט איז ער אריבער זען די הייליגע עבודה פון צדיק, איין זאך האט ער געשטרעבט זיין גאנצע לעבן צו פארן און וואוינען אין א"י אבער זיין ווייב האט נישט געוואלט, ווען זיין ווייב איז נפטר געווארן האט ער אלעם אנגעגרייט אויף צו פארן קיין א"י, און ווען אלעס איז געווען גרייט האט ער געמאלדן אז ער פארט קיין א"י, זיינע באקאנטע האבן אים פרובירט איבער צורעדן אבער ער האלט זיך ביי זיינ'ס. האבן די שטאטסלייט אנגעגרייט א סעודת פרידה אין טאג פון זיין פארן און נאכדעם אים באגלייט ארויס פון שטעטל.

ר' משה איז אפגעפארן קיין א"י און אין פיר חדשים ארום איז ער צוריק געקומען צו זיין שטעטל, די שטאטסלייט האבן זיך געפריידט מיט אים אבער צו די שאלה פארוואס ער איז אזוי שנעל צוריק געקומען האט ער נישט געענטפערט, ער האט נאר געזאגט אז ער האפט נאך צוריקפארן קיין א"י. דער מצב פון געזונט האט זיך געערגערט ביי ר' משה ביז די דאקטוירים האבן אים געזאגט אז זיי האבן נישט מער וואס צו טאן, אין אזא מצב האט ר' משה פארשטאנען אז ער וועט שוין נישט פארן קיין א"י האט ער באשטעלט די חברה קדישא, זיי האבן געהאט גרויס כבוד פאר ר' משה און צו געזאגט אלעם וועט זיין אין ארדענונג.

איין טאג האט ר' משה געשפירט ווי עס איז די לעצטע מינוטן און שיקט רופן שנעל די חברה קדישא, ווען זיי זענען געקומען האט ער געזאגט ער האט זיי עפעס זייער וויכטיג צו זאגן, אבער פונקט דעמאלטס האט ר' משה געזאגט, עס איז נאך נישט געקומען די צייט, אזוי האט זיך דאס איבערגעחזר'ט דריי מאל, ביים פערד'ן מאל האבן די חברה קדישא נישט געוואלט קומען האט ער זיי שטארק געבעטן צוקומען און זיי זענען געקומען. האט ר' משה זיך אנטשולדיגט און געזאגט דאס וואס איך גיי אייך דערציילן יעצט האב איך רשות דערציילן ממש איידער איך גיי פון די וועלט, ווען איך האב געשפירט די דריי מאל אז מיינע טעג ענדיגן זיך האב איך אייך גערופן אבער ווען איר זענט געקומען האב איך געשפירט בעסער, אבער יעצט איז שוין ביים סוף מוז איך אייך דערציילן א מוראדיגן מעשה וואס איז געשען מיט יאר'ן צוריק:

"אזוי ווי איך פלעג שטענדיג זיך אריבער כאפן קיין בארדיטשוב זען זיין עבודה און זיך בענטשן ביי אים, איין טאג נאכן דאווענען איז דער בארדיטשובער נאך געווען מיטן טלית און תפילין, און עס קומען אריין אין שול צוויי אידן און זיי גייען צום צדיק, איינער נעמט זיך שרייען אויף די אנדערע אז ער האט אים באגנבעט, שרייט יענער עס איז נישט אמת! ר' לוי יצחק בארוהיגט זיי און ער זאגט דערציילט די מעשה און אפשר איז דער מענטש גערעכט!

און איינער הויבט אן זיין פרנסה איז בייטן געלט און ווייל ער האט נישט אייגענע געלט, לייגן אריין ביי אים מענטשן געלט און ביידע פארדינען, און יעצט האט דער איד אריינגעלייגט דריי הונדערט רובל ביי אים און איך האב אריינגעלייגט געלט אין מיין פארמאכטן אוצר און אינדערפרי איז די אוצר געווען אויפגעבראכן און די געלט איז שוין נישט געווען און יענער זאגט אז איך האב געגנבעט די געלט, און ער צו וויינט זיך אז ער וואלט נישט געטאן אזא זאך בפרט אז יעצט וועט אים קיינער נישט וועלן געבן געלט צו האנדלען!

פרעגט אים דער בארדיטשובער, צו ער האט א קלער אויף איינעם? האט ער געזאגט אז א אידישע מיידל וואס העלפט אים אין שטוב איז דער איינציגסטע וואס וואלט געוואוסט פון דעם צימער, הייסט דער צדיק מען זאל איר רופן! די מיידל קומט צו גיין מיט אירע עלטערן און זי שווערט אז זי ווייסט פון גארנישט! רופט זיך אן דער צדיק: דאס איז זיכער, אז נישט דער איד און נישט די מיידל האבן געגנבעט די געלט! אבער מען דארף דאך העלפן אז דער איד זאל צוריק באקומען זיין געלט, און דער הייליגע צדיק נעמט זיך טראכטן און שוועבט אין העכערע עולמות, ווען ער קומט צו זיך רופט ער זיך אן איך האב געפויעלט אין הימל יעצט אז דער וואס וועט מיר געבן דריי הונדערט רובל, וועט ער גלייך אריינגיין אין גן עדן.

דערציילט ר' משה פאר די חברה קדישא: האב איך געזען פאר מיר א געוואלדיגע מציאה און איך זאג פארן צדיק איך בין גרייט צו געבן די געלט אבער איך דארף אז דער צדיק זאל מיר שרייבן א צעטל, און דער צדיק איז מסכים, איך האב געברענגט די גרויסע סכום פון דריי הונדערט רובל און געגעבן פארן צדיק וואס האט דאס געגעבן פארן געלט סוחר און געוואונטשן ער זאל האבן הצלחה מיט די געלט און געבענטשט די מיידל מיט א גוטן זיווג און קינדער, ווייל מען האט איר חושד געווען און אלע זענען אהיים צופרידנערהייט.

דער צדיק האט גענומען א צעטל און עפעס געשריבן און איין געקנייטשט דעם צעטל און מיר געזאגט, איר זאל חלילה נישט עפענען דעם צעטל, נאר ווען איך וועל האלטן ביים אוועקגיין פון די וועלט זאל איך דאס געבן פאר די חברה קדישא און דאס אריינלייגן אין מיין האנט און אזוי באגראבן, און איך האב אים צו געזאגט. האב איך אריינגעלייגט דעם צעטל אין א אלטן סידור. ווען איך האב זיך געגרייט צו פארן קיין א"י בין איך געגאנגען זיך געזעגענען מיטן צדיק און ווען ער זעט מיר זאגט ער מיט פרייד אז ב"ה מען האט געטראפן דעם גנב וואס איז געקומען זיך מתוודה זיין און תשובה טאן און מיר געברענגט די געלט און יעצט וויל דער צדיק מיר געבן די דריי הונדערט רובל און צוריקגעבן דעם צעטל!

האט איך געזאגט איז בין א סוחר און פארקויף נישט אזא צעטל און די דריי הונדערט רובל זאל מען געבן פאר א נדן פאר יענעם מיידל וואס מען האט איר חושד געווען, זאגט דער צדיק: גוט מען וועט אזוי טאן און האט מיט מיר געזעגנט, דערוויל האב איך צוטיילט מיין פארמעגן ביי מיין משפחה און די ספרים געלייגט אין שול, ווען איך בין אנגעקומען קיין א"י האב איך געזוכט אין מיינע ספרים און נישט געטראפן דעם צעטל און דאס האט מיר קראנק געמאכט ווייל פון צער האט איך נישט געקענט עסן און שלאפן ביז איך האב זיך דערמאנט אז יענע אלטע סידור האב איך געלייגט אין שול און איך האב מחליט געווען איך פאר צוריק און געבעטן דעם אויבערשטן אז איך זאל טרעפן דעם סידור מיטן צעטל!

איך בין געפארן מיטן ערשטן שיף און ווען איך בין אנגעקומען בין איך גלייך געגאנגען אין שול און ב"ה דער סידור איז נאך געלעגן אין זעלבן פלאץ און מיין הארץ האט געקלאפט ביז איך האב געטראפן דעם צעטל!" דאס איז די גאנצע אינטרעסאנטע מעשה. דערציילט ווייטער ר' משה ווען איך האב געפילט בעסער האב איך אייך אוועק געשיקט אבער יעצט איז שוין מיין צייט צו גיין און די איינציגסטע זאך וואס האלט מיר יעצט איז אייך איבערגעבן דעם צעטל און בעט זיי מחילה פארן רופן עטליכע מאל, און זיי האבן אים מוחל געווען. ר' משה גיט זיי דעם צעטל און זיי האבן צוגעזאגט אז זיי וועלן אריינלייגן דעם צעטל אין זיין האנט ביים באגראבן.

ר' משה האט פארמאכט די אויגן און נאכן אים אנגרייטן צו באגראבן איז אראפגעפאלן די צעטל פון איינעמ'ס האנט און די צעטל האט זיך געעפנט: אלע האבן שוין געזען דער סוד! עס איז געווען געשריבן, **פתח לו שערי גן עדן,- עפען אים די טויערן פון גן עדן- לוי יצחק בן שרה סאשא.**

דער גליון איז מוקדש לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י היה בן 14 ועזר הרבה בהפצת הגליון, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

*ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500 שערי ציון דפוס זיטאמיר $1600 מדרש רבה דפוס זיטאמיר, ספר זרע בירך דפוס ראשון מסוגל לשמירה, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, ספר מדרש חכמים שייך להגה"ק ר' יחזקאל מערץ, ספר שייך להגה"ק ר' משה הגר מראדאוויץ ועוד הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון*

Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, $3000 ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות

4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM* אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמות?